## דאָס לעצטע ליד / משה־לייב האַלפּערן

האָט מען אויפֿגעהערט אין גאָט צו גלויבן,
איז די ליבע אויך אַוועקגעגאַנגען —
האָבן מענטשן זיך אין טײַך געוואָרפֿן,
האָבן מענטשן זיך אין וואַלד געהאַנגען.

האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון טײַך דער הימל,
האָט אין וואַלד דער פֿויגל שטיל געשוויגן,
זענען פּאַסטעך־פֿלייט און אַקער־אײַזן
אויפֿן פֿעלד געבליבן הפֿקר ליגן.

איז געוואָרן פֿון דער ערד אַ מדבר,
האָבן אַלע וועגן זיך פֿאַרלאָרן —
איז דער נבֿיא אויף אַ שטיין געזעסן,
ביז ער איז אַליין אַ שטיין געוואָרן.

ניו־יאָרק, 1919
(פֿון *אין ניו־יאָרק*)

## הַשִּׁיר הָאַחֲרוֹן / משה־לייב הלפֶּרן

עברית: ישׂראלה בקר

מִשֶּׁחָדְלוּ לְהַאֲמִין בָּאֵל,
גַּם מִן הָאַהֲבָה כְּלוּם לֹא נִשְׁאַר —
רַבִּים תָּלוּ בַּיַּעַר אֶת עַצְמָם,
אוֹ אֶת עַצְמָם הִשְׁלִיכוּ לַנָּהָר.

שָׁמַיִם רָחֲקוּ מִן הַנָּהָר,
בַּיַּעַר הִשְׁתַּתְּקוּ הַצִּפּוֹרִים,
חֲלִיל־רוֹעִים וְלַהַב־מַחֲרֵשָׁה
נוֹתְרוּ הֶפְקֵר, וּבַשָּׂדֶה פְּזוּרִים.

כָּל הַדְּרָכִים נִמְחוּ וְנֶעֶלְמוּ,
הָאָרֶץ נֶהֶפְכָה מִדְבַּר צִיָּה —
וְהַנָּבִיא יָשַׁב עַל אֶבֶן, עַד
שֶׁהוּא עַצְמוֹ לְאֶבֶן נִהְיָה.

תל־אביב, אוקטובר 2025